ואנדערליכע אינזעקטן | טיקון תעות: אזאס אדער אדווערטייזמענט? | באבע מעשיות: א פעני פון עמפייער סטעיט בילדינג | אותות: שווימען אין וואסער ביי תשליך

ניִיע קאלום!
מלאכת כותב

# אותיות

אות ד' | תשרי תשפ"ב



## א סימן צום געדענקען

געדענקט יעדעס בלאט גמרא וואס איר לערנט, דורך א גרינגער, אינטערעסאנטער און געשמאקער אופן!



## אין שויס פון נאטור

אותיות האלט אפ ער'שטמאליגן באזוך אין ווייטן "יעלאוסטאון פארק", ברענגענדיג א ווארעמע גרוס פון אירע מאיעסטעטישע בערג, הערליכע וואסערפאלן, דראמאטישע גייזערס, און קאלירפולע קוועלער, באגלייט מיט אויג פארכאפנדע בילדער!

## הלל אין באלטימאר



## דער קאזאקן טאנץ

אינטערעסאנטע שמועס מיט הרה"ח ר' פנחס גאלדמאן שליט"א דעקט אויף גאר אינטערעסאנטע און היסטארישע דעטאלן איבער דעם




# א טעם פון נאטור

נפתלי
א'נד



## פון נאטור

# כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל אֲפִיקֵי מָיִם

עס קוקט אויס ווי א געוועהנליך פעלד, מיט הויכע ביימער און ווילדע גראז. אבער אונטער די פיס שפילט זיך אפ א מערקבארע סצענע. ריזיגע שטיקער ערד זענען פארסמאליעט, טראגנדיג א בלעכענע צורה ווי נאך א העלישן פייער.

מיר קוקן אויף אראפ און באטראכטן מיט ערשטוינונג ווי די ערד רויכערט אומאויפהערליך. אין ניו יארק סיטי קען מען צומאל זען רויך קומען פון א לאך אין דער

דער ערד, אבער דאס וואס מען זעט דא איז נאטירליך פון ששת ימי בראשית.

אט באגעגענען מיר א ריזיגן לאך אין דער ערד, באקאנט אלס א קראַטער (crater). מיר גייען אביסל ווייטער און מיר זעען מערערע אזעלכע לעכער, ארום וועלכע די ערד איז געשפאלטן מיט טיפע קריצן. טייל זענען ליידיג, טייל לאזן ארויס דינע שטראמען רויך, און טייל זענען אנגעפילט מיט וואסער וואס בלעזלט.

עטליכע גרויסע בורות זענען אנגעפילט מיט ציכטיג בלויע וואסער וואס בלעזלט ווי א הייסער טאפ זופ אויפ'ן פלאם. מיר ווארפן



דאס אויג אויף א טייכל וואס אין צענטער איז עס ציכטיג בלוי, אבער דער קאליר טוישט זיך ביי די עקן. דער בלויער צענטער איז ארומגענומען מיט רונדן פון געל און ברוין. דאס איז ממש אויג-פארכאפנד, און מיר פאראייביגן די זעלטענע סצענע אין א בילד.

איידער ווי-וואס-ווען וואקסט ארויס אן אינד פון ערגעצוואו, אויפזוכנדיג גראז צום עסן. צווישן דער פארראויכערטער ערד, אש און פארעך, קען מען אויך טרעפן שיינע שטיקער גרינע גראז. דער אינד שפאצירט ארום מיט א געלאסנקייט, זיינע שטאלצע געדרייטע הערנער ציען זיך אויף ארויף, אט קומט ער אן ממש פארנט פון דעם טייכל. דאס בילד איז ווי ארויס פון די סוכה-באצירטע ווענט.

עס פארזאמלען זיך א צאל מענטשן און באטראכטן דאס הערליך בילד, ווי דער אינד שטייט פארנט פון דעם קאלירטן טייכל און בייגט אראפ זיין מויל אפצורייסן דאס גראז. פלוצים הייבט ער אויף זיין קאפ

מיט א פארריסענעם שטאלץ, ווי ער וואלט געקעניגט פאר די עטליכע מינוט אויף דעם גאנצן ארום.

מיר שטייען אביסל אפגערוקט און קוקן זיך צו. ארומיגע שילדןווארענען אז מען זאל נישט צוגיין צו קיין שום בעלי חיים, וויבאלד זיי לעבן נאטירליך ווי אין וואלד, און עס איז נישט געוואונטשן - פאר אונז און פאר זיי - אז זיי זאלן ווערן היימיש מיט דער מענטשהייט.

דער אינד שפירט זיך קענטיג אומבאקוועם פון די צענדליגער פאר אויגן און קאמערעס געוואנדן אין זיין ריכטונג. ער זעצט זיך אוועק אויף דער ערד און הויערט פוילערהייט א מינוט צוויי.

דער אינד שטעלט זיך אויף, הייבט זיינע פיס אין דער לופטן מיט פלינקע באוועגונגען, און א שטויב וואלקן הייבט זיך אונטער אים. ביז געציילטע סעקונדעס איז ער אנטרינען צו אן אומבאקאנט ארט. דער פלאץ זעט נאכאמאל אויס וויסט און ליידיג, מיט דעם שטילן גערויש פון די בלעזלעך






## יָצֵא אָדָם לְפָעֳלוֹ וְלַעֲבֹדָתוֹ עֲדֵי עָרֶב (תהלים קד, כג)

דער קול פונעם פילאט הערט זיך איבער'ן הויכהילכער פון דעם קליינעם פליגער, בשעת אירע רעדלעך האלטן אט אט ביים אנרירן דער ערד.

"עס איז א זוניגער טאג היינט, די הימלען זענען קלאר. עס איז 72 גראד, און דער ווינט איז פיר מייל פער שעה. דער אויסקוק איז אביסל פארשטעלט צוליב דעם רויך אין דער לופט פון די וואלד פייערן."

מיר לאנדן אין זשעקסאן, א פאנאראמיש שטעטל ביים דרום עק פונעם יעלאוסטאון פארק. דער לופטפעלד איז גאנץ קליין און שיין באצירט. פון א ווינקל פון אויג זעען מיר א ליטווישער איד אריינגעטון אין זיין גרויסע גמרא. זשעקסאן געפינט זיך אינדרויסן פון יעלאוסטאון, צווישן די "גרענד טעטאן" בערג. עס פארמאגט א שול מיט דריי מנינים א טאג, און אסאך פרומע אידן גייען אהין אויף וואקאציע.

מיר זענען געקומען וויילן אין יעלאוסטאון עטליכע טעג, און זיך אביסל ארומקוקן אויף די נפלאות הבורא. די נאכפאלגנדע שורות זענען אונזערע איינדרוקן און ערפארונגען במשך אונזער באזוך. עינינו ראו ולא זר, מיר באשרייבן אלעס גענוי ווי מיר האבן עס געזען. מיר האבן גארנישט מגזם געווען, און טייל פון די באשרייבונגען קומען פון נאטיצן וואס מיר האבן געשריבן בשעת דעם באזוך.

די איינציגע זאך וואס מיר האבן אביסל געטוישט איז דער סדר הדברים ווי אזוי מיר האבן באזוכט דעם פארק. מיר האבן עס אויסגעשטעלט אויף אן אופן וואס זאל זיין גרינג פאר'ן ליינער צו גיין פון איין זאך צום צווייטן, דעקנדיג די הויפט צוציאונגס ערטער פון דעם פארק, וועלכע איז ריזיג גרויס. אין די זומער וואכן איז דער פארק שטארק פארנומען, אבער מיר האבן פראבירט ארומצוגיין אין די פרימארגן אדער פארנאכט שטונדן, ווען עס איז גרינגער צוצוקומען צו די וואונדערליכע ערטער דורכאויס דעם גרויסן פארק.

ווען מען רעדט פון א "פארק", זאל זיך נישט דאכטן אז מען רעדט דא פון א פלאץ מיט גליטשערס און סווינגס. די רעדע איז פון א נאציאנאלער פארק, א שטח מיט אסאך נאטורליכע וואונדער, וועלכע געפינט זיך אונטער די הערשאפט פון דער אמעריקאנער פעדעראלער רעגירונג, און איז געווארן אפגעזונדערט פון די ארומיגע געגנטער כדי עס זאל בלייבן נאטורליך אזוי ווי עס איז באשאפן געווארן פון ששת ימי בראשית.

אין יעלאוסטאון זענען פארהאן גאר אסאך נאטורליכע צוציאונגס ערטער, וועלכע קאסטן נישט קיין געלט צו באזוכן, אבער מען דארף צאלן איין מאל כדי אריינצוגיין אינעם פארק. עס קאסט פינף און צוואנציג דאלער צו באקומען איינטריט אינעם פארק פאר א וואך. מען קען זיך אויך איינהאנדלען א פאס פאר 80 דאלער, וואס מען קען נוצן פאר אלע נאציאנעלע פארקס איבער גאנץ אמעריקע במשך א יאר.

אז מען וויל אריינקומען קיין יעלאוסטאון דארף מען אריינפארן דורך איינע פון די שאסייען וועלכע פירן אריין אין דעם דעזיגנירטן שטח. עס זענען פארהאן עטליכע אריינגענג אויף אלע זייטן פון דעם פארק. ביי יעדן אריינגאנג שטייט א בודקע מיט א וועכטער, וועלכער פארלאנגט מען זאל אפצאלן אדער ווייזן א באשטעטיגונג אז מען האט באצאלט.

נאכ'ן אפצאלן שענקט דער וועכטער א מאפע פונעם גאנצן פארק, אויף וועלכן עס זענען באצייכנט אלע גאסן און אלע צוציאונגס ערטער. פון יעצט און ווייטער זענען מיר אויף דער אייגענער האנט. מיר קענען ארומפארן צו סיי וועלכע ארט אינעם פארק און געניסן פון דעם באשעפער'ס וואונדער.





די גאסן אין יעלאוסטאון גייען ארום איבער דעם גאנצן פארק. זיי באשטייען פון בלויז צוויי ליניעס, איינס אין יעדן ריכטונג. ארומצופארן דעם גאנצן פארק געדויערט א גוטע 2-3 שעה, כאטש אינמיטן זומער וועט עס געדויערן לענגער צוליב דעם גרויסן פארקער און די נידריגע ספיד לימיטס. צומאל וועלן די קארס זיך אפשטעלן ווייל א בעל חי וויל אריבערגיין דעם גאס.

קומענדיג פון ברוקלין, זענען מיר נישט געוואוינט צו דער רואיגקייט וואס הערשט דא. זעלטן וואס מען הערט א קאר פייפן. קיינער וואגט זיך נישט אראפצואווארפן מיסט אויף דער ערד. עס איז ווי אפגעשמועסט אז ווען מען קומט אריין אין יעלאוסטאון, שטעלט זיך אפ די צייט און אלעס איז געווידמעט צו מיטהאלטן און זען די נפלאות הבורא פון גרויסן באשעפער.

די גאסן אין יעלאוסטאון זענען גאר גוט געבויט און ווערן גוט אויפגעהאלטן, פירנדיג דירעקט צו יעדן אינטערעסאנטן ארט אין יעלאוסטאון. במשך דעם ווינטער, ווען אסאך גאסן ווערן באדעקט מיט אייז, זענען די וועגן טיילווייז פארמאכט.

(אין יעלאוסטאון איז דא א ריזיגער חילוק צווישן זומער און ווינטער. זומער איז דער פלאץ לעבעדיג מיט מענטשן פון אלע עקן וועלט, בעת ווינטער ווערט דער גאנצער פארק איינגעהילט אין שניי און פרעסט, און די ארבעטער נוצן אויס די צייט צו פארריכטן שאסייען.)

מיר קוקן זיך איין אין דער מאפע

# די היסטאריע פון יעלאוסטאון

ווען די אמעריקאנער שטאַטן האבן זיך געגרינדעט, איז עס באשטאנען פון בלויז דרייצן קאלאניעס אויפ'ן מזרח ברעג פון אמעריקע. רוב שטחים פון דער היינטיגער אמעריקע זענען צוביסלעך געווארן אפגעקויפט אין די קומענדיגע יארן. א ריזיגער חלק פון מערב אמעריקע, אין דער גרויס פון 828,000 ס"מ, איז גערופן געווארן "לואיזיאנא טעריטאריע", און האט באלאנגט פאר פראנקרייך. אייגנטליך איז רוב פון דער געגנט געווען באוואוינט פון די אינדיאנער, און די פראנצויזן האבן פאקטיש קאנטראלירט בלויז א טייל דערפון.

אין שנת תקס"ג (למס' 1803) האט אמעריקע אפגעקויפט די גאנצע לואיזיאנא טעריטאריע פאר פופצן מיליאן דאלער, וואס איז אויסגעקומען אכצן דאלער פער סקוועיר מייל. תיכף דערנאך האט פרעזידענט טאמאס דזשעפערסאן פאראָרדנט א רייזע וואס זאל נעמען פארשער דורכאויס דעם מערב און זיי העלפן זיך באקענען מיט'ן לאנד און אירע איינוואוינער.

די רייזע איז געבליבן באקאנט אין די היסטאריע ביכער אלס דער "לואיס און קלארק" רייזע, ווערנדיג אנגעפירט דורך צוויי מיליטערישע גענעראלן מיט די נעמען לואיס און קלארק. די רייזע האט געדויערט דריי יאר, דורכאויס וועלכן זיי האבן אויסגעפארשט די געאלאגישע שטריכן, געוויקסן, און באשעפענישן פון דער ווילדער מערב. אבער במשך דער גאנצער צייט זענען זיי נישט אנגעקומען צו דער געגנט פון יעלאוסטאון, אויסער איינער פון זיי, א מאן מיט'ן נאמען דזשאן קאלטער.

קאלטער איז געווארן באצאלט פינף דאלער א מאנאט פאר'ן מיטהאלטן די רייזע. ער איז געווארן באטראכט אלס איינער פון די בעסטע יעגער אין דער גרופע, און מען פלעגט אים כסדר ארויסשיקן אויפזוכן באשעפענישן צו פאנגען, צו דינען אלס מאלצייט פאר דער גרופע. ער איז געווען זייער א געוואגטער, און מען פלעגט אים אפט ארויסשיקן איינער אליין צו גיין אויסשפיאנירן דעם בעסטן וועג צווישן בערג אדער צו אויפזוכן א פארלוירענעם פערד. קאלטער פלעגט צוריקקומען נישט בלויז מיט דעם פארלוירענעם פערד, נאר מיט פלייש פון אינדן וועלכן ער האט געשאסן אויפ'ן וועג.

קאלטער האט זיך באפריינדעט מיט די לאקאלע אינדיאנער איינוואוינער, און ער האט זיך אויסגעלערנט ווי אזוי צו אויפטוישן חפצים מיט זיי און מאכן געשעפטן. זיינע באמיאונגען אין דער רייזע זענען געווארן שטארק אויסגעלויבט דורך לואיס און קלארק, און דער פרעזידענט האט אים פערזענליך באדאנקט פאר זיינע פעולות.

נאכ'ן ארומפארן טויזנטער מיילן במשך דריי יאר, האט די לואיס און קלארק גרופע זיך ענדליך צוריקגעקערט צום ארט וואס איז היינט צפון-דאקאטא. דארטן האבן זיי באגעגנט צוויי יעגער וועלכע האבן געזוכט צו פאנגען ביבערס כדי צו נוצן זייער פעל. לואיס און קלארק האבן געגעבן ערלויבעניש פאר קאלטער צו פארלאזן די גרופע, צוויי חדשים איידער די רייזע האט זיך געענדיגט, כדי צו מיטגיין מיט די יעגער און

אויספארשן די געגנט פון מיזורי אויף דער אייגענער האנט.

קאלטער, און די אנדערע צוויי יעגער, הענקאק און דיקסאן, האבן זיך ארויסגעלאזט צווישן די געדיכטע וועלדער מיט צוואנציג ביבער נעצן, אמוניציע פאר צוויי יאר, און נאך אסאך קליינע געצייג, ווי מעסערס, שטריק, און פערזענליכע געשיר. ווען זיי זענען אנגעקומען צו סט. לואיס, מיזורי צוויי חדשים שפעטער, זענען די יעגער געגאנגען זייער וועג, און קאלטער האט באשלאסן צו גיין ווייטער און אויספארשן נייע ראיאנען אויף דער אייגענער האנט.

אין ווינטער 1806 איז קאלטער אנגעקומען קיין יעלאוסטאון איינער אליין, ווערנדיג דער ערשטער אייראפעער צו זען דעם וואונדערליכן ארט און באטראכטן אירע וואונדערליכע גייזערס און בלענדנדע בלאטיגע קוועלער.

עס איז נישט קלאר גענוי וועלכער וועג קאלטער האט גענומען. טייל פארשער שאצן אז ער איז בכלל נישט אריין אינעם היינטיגן יעלאוסטאון, נאר ער איז גאר אנגעקומען צום היינטיגן שטעטל קאודי, ביים מזרח זייט פונעם פארק. היינטיגע צייטן איז קאודי א שיין, רואיגווינקל, אינדרויסן פון יעלאוסטאון. אבער ס'איז מעגליך אז אין יענע צייטן זענען דארט געווען אקטיווע גייזערס און הייסע קוועלער.

עס זענען פארהאן צענדליגער לעגענדעס וואס דרייען זיך ארום קאלטער'ס באזוך אין יעלאוסטאון.

איין געשיכטע לויטעט אז קאלטער איז געווארן געכאפט דורך א גרופע אינדיאנער, וועלכע האבן אים בארויבט פון זיין גאנצן האב און גוטס. קאלטער האט אנגעהויבן לויפן זייער שנעל, און די אינדיאנער זענען אים נאכגעלויפן. קאלטער איז געווען גאר א גוטער לויפער, אזוי אז קיינער פון די אינדיאנער האט אים נישט געקענט כאפן, אויסער איין אינדיאנער מיט פלינקע פיס וועלכער האט אים געהאלטן ביים דערגרייכן.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום יעלאוסטאון לעיק, האט קאלטער זיך געגעבן א דריי אויס און אטאקירט זיין רודף. ויגזול את החנית ויהרגהו בחניתו - קאלטער האט אומגעברענגט דעם אינדיאנער מיט זיין אייגענעם שווערד. ער האט צוגענומען זיין אויבערמאנטל און זיך באהאלטן אין די דערנעבנדיגע וועלדער עד יעבור זעם.

ווען קאלטער האט זיך אומגעקערט און דערציילט וואס ער האט אלץ געזען, האבן רוב מענטשן נישט געגלייבט זיינע פאנטאסטישע געשיכטעס, אבער הערנדיג איבער די ברויזנדע קוועלער האט מען א נאמען געגעבן דעם גאנצן געגנט "קאלטער'ס גיהנום." איבער די שפעטערדיגע יארן האבן מער און מער פארשער אנגעהויבן קומען באזוכן דעם פלאץ, באשטעטיגנדיג אז קאלטער האט דערציילט אמת'ע געשיכטעס.





און הייבן אן אויספלאנירן אונזער באזוך. די קאפ שווינדלט אביסל פון דעם גרויסקייט. יעלאוסטאון איז א ריזיגער שטח פון 2.2 מיליאן אקערלאנד (נאנט צו 3,500 קוואדראט מייל), וועלכער שפרייט זיך אויס איבער די שטאַטן פון ווייאמינג, מאנטענע און איידעהא. עס איז דער לעגאלער אייגנטום פונעם אמעריקאנער פאלק, וועלכע קומען אהער צו געניסן פון אירע וואונדער און באטראכטן די אומגלויבליכע ערשיינונגען וואס דער בורא כל עולמים האט איינגעפלאנצט אין זיין נאטור.

דאהי קען די מענטשהייט קומען און באטראכטן די אריגינעלע נאטור, ווי אזוי די בריאה האט אויסגעזען איידער די מאדערנע טעכנאלאגיע האט זיך פארשפרייט דורך דער מערב-וועלט ציוויליזאציע. פון דער גאנצער וועלט קומט מען אהער באטראכטן די מאיעסטעטישע בערג, וואונדערליכע וואסערפאלן, זידיגע קוועלער, בלויע טייכן, רויכערנדע גייזערס, און ווילדע חיות וועלכע דרייען זיך ארום פראנק און פריי איבער זיינע בערג און טאלן.

לאנגע יארן איז די געגנט געווען באוואוינט מיט די אריגינעלע אמעריקאנער איינוואוינער, די "אינדיאנער", וועלכע האבן געגליכן צו וואוינען נעבן די בערג און קוועלער, און פלעגן זיך באניצן מיט אויסגעשארפטע שטיינער צו פאנגען ווילדע באפעלאס און אינדן. זיי פלעגן רופן דעם טייך אין יעלאוסטאון "געלע שטיין טייך", ווארשיינליך צוליב דעם ווייס-געלן קאליר פונעם דערנעבנדיגן קאַניאָן (א דינער, טיפער טאל צווישן פעלזן וואו ס'פליסט געווענליך א טייכל), ועל שמו יקרא: יעלאוסטאון.

ווען די ווייסע אמעריקאנער האבן אנגעהויבן זיך באקענען מיט דער נאטירליכער וואונדער פון יעלאוסטאון, האט מען מחליט געווען אז דאס ארט דארף פארבלייבן אפגעזונדערט פון ציוויליזאציע. עס איז צו הערליך, צו מאכטפול, צו וואונדערליך, און צו נאטירליך, צו פארדארבן ווערן דורך מענטשליכע גאסן, געביידעס, און מיסטקאסטנס.





בְּקוֹל מַיִם רַבִּים... בְּלֶכְתָּם קוֹל הֲמֻלָּה (יחזקאל א, כד)

# אלד פעיטפול גייזער

(Old Faithful Geyser)

איינע פון די הויפט צוציאונגס קראפטן פון יעלאוסטאון זענען זיינע פילצאליגע גייזערס, וועלכע זענען אלע קאנצענטרירט אין א רעלאטיוו קליינער געגנט, מער ווי סיי וועלכע ארט אין דער וועלט.

א גייזער איז א זעלטענער סארט קוואל וועלכע קומט אנטקעגן דער אויבערפלאך אין א גאר מאכטפולן אופן.

דער גייזער הייבט זיך אן טיף אין דער ערד, וואו עס זענען באהאלטן הייסע קוועלער וואסער. ווען ער שלאפט, רויכערט ער ווי א קוימען. ווען ער וועקט זיך אויף, שפריצט ער ארויס זידיגע וואסער ביז צענדליגער פיס אין דער הייך. טייל גייזערס פלאצן אויף יעדע שעה; אנדערע קענען דורכגיין צענדליגער יארן צווישן איין אויפרייס און דעם צווייטן, ווען בינדערווייל זעט מען בלויז גיין קוואלן רויך פון דער קרקע, אן אנדייטונג אז אונטער דער אויבערפלאך קאכט זיך א קעסל.

"אלד פעיטפול" איז דער באקאנטסטער גייזער אין יעלאוסטאון, צוליב זיינע שטענדיגע און באשטימטע אויפרייסן. אז מען קוקט אים אן סתם אזוי, זעט מען נאכאנאנדער רויך שטראמען מיט קראפט אין א שיפע ליניע. אז מען ווארט אביסל געדולדיג, איז מען זוכה אז דאס וואסער זאל אונז אנטקעגנקומען. און אז איר האט נישט קיין געדולד צו ווארטן, קענט איר זיכער מאכן אנצוקומען אין דער באשטימטער צייט ווען מען ווייסט אז עס דארף אויפרייסן – בערך יעדע אנדערטהאלבן שעה, צען מינוט ארויף אדער אראפ.

א גייזער איז א זעלטענער פענאמען, וועלכער פאסירט נאר ווען עס זענען פארהאן דריי פאקטארן וואס קומען זיך צוזאם אויף איין ארט: 1) וואסער וואס זינקט אריין פון לעכער דורך דער ערד; 2) הייסע, אונטערערדישע לאווא וואס הייצט אן דאס וואסער; 3) א נאטירליכע "פלאמבינג סיסטעם", מיט רערן און לעכער פון וועלכע דאס וואסער קען נישט אנטלויפן. ווען די דריי זאכן קומען זיך צוזאם, ווערט א גייזער באשאפן.

רעגנוואסער און צעלאזטער שניי דרינגען אריין דורכ'ן ליים און ערד, זיי רינען אריין אין די רערן, ביז זיי קומען אן צו די אויסגעהוילטע לעכער וועלכע פילן זיך צוביסלעך אן. דאס וואסער גייט טיפער און טיפער און ווערט הייסער און הייסער א דאנק די לאווא וואס קאכט אין דער ערד. דאס וואסער ווערט פארוואנדלט אין פארע און זוכט צו אנטלויפן און ארויסגיין פון די לעכער, אבער צוליב דעם געבוי פון דעם "פלאמבינג סיסטעם" האט עס נישט וואוהין צו גיין, און דער פרעשור ווערט אומגעהויער גרויס.

נאך א שטיק צייט ווערט דער דרוק אומדערטרעגליך, און דאן קומט צושטאנד דער וואונדער פונעם גייזער. עס רייסט אויף ווי א באמבע, און דאס גאנצע אנגעזאמלטע הייס וואסער און פארע שטורעמט ארויף ביז הונדערטער פיס הויך. עס שפריצט אזוי פאר עטליכע מינוט, ביז די פרעשור לאזט נאך און די אונטערערדישע קעמערלעך ווערן אויסגעליידיגט. דאן שטראמט אריין פרישע









# פארפאסט נישט קיין אות.

# ווערט אן אותיות אבאנענט!

איר ווייסט נישט די אפטייטש פון 'אבאנענט'?
דאן ווערט אן אותיות סובסקרייבער!

רופט שוין

**203.572.5789**

7 21058 66524 8

אותיות